STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03315

OYSGESHTREKTE HENT

Chaim Semiatycki

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים סעמיאַטיצקי

אויסגעשטרעקטע הענט

(לידער)

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער“

וואַרשע 1935

Printed in Poland

Ch. Semiatycki — OJSGE-SZTREKTE HENT (wiersze).

Nakładem tyg. „Liter. Bleter"
1 9 3 5

Druk. „Pośpiech", Warszawa.

אויף דער ערד און אויף וואָס דו זעסט נאָר
זענען אויסגעלייגט געבעטן,
ווייל ווי די פיש, וואָס זען די וועלט
דורך דער בלויקייט פון וואַסער
און וועלן קיינמאָל צו איר נישט דערגרייכן —
אזוי איז אַלץ.

תפילות

א.

גאָט !
ווען כ'האָב אָנגעהויבן מתפלל זיין צו דיר,
האָט נאָך נאַכט געקושט מיינע ליפּן,
און ווען כ'האָב געענדיקט, האָט שוין טאָג
זיך געבלייכט אין מיינע שוואַרצאַפּלען
און מענטשן זענען געגאַנגען שעפּן וואַסער
פון די ברונעמער.
און איך האָב געטראַכט : דאָס אַלץ — די וועלט
האָסטו געמאַכט פאַר מיר.
און איך טו פאַר דיר גאָרנישט.
כ'האָב קיין הויז, וואו אַן עמער צו נעמען,
כ'האָב קיין היים, פאַר וועמען וואַסער צו ברענגען.
דו ביסט מיין היים — וועל איך זיך ברענגען צו דיר.

.ב

כ׳זע דיך אין אַלערליי קאָלירן,
גאָט, ווי אַ רעגנבויגן.
און וואו איך טו זיך נאָר רירן,
איז דיין האַנט אין אַלע פאַרבן אויסגעצויגן.

אויף מיין וועג אין וועלט,
וואָס איז מיט לייד, ווי מיט שטעכל־דראָט פאַרשטעלט,
הענג אויף אַ פענדעלע אַ ווייס מיט דיין האַנט —
אַ צייכן, אַז איך גיי כאָטש אין אַ פריינדס אַ לאַנד.

יעדער טאָג און אַלע גאַסן
פירן מיך צו דיר, נאָר איך ווייס נישט וואו איין און וואו אויס...
הענג אויף אַ פענדעלע אַ ווייס, זאָל עס פלאַטערן געלאַסן —
אַ סימן פון דיין הויז.

קום, ס׳איז מיין היים צעעפנט אויף אַלע טירן.
צוּוואָס דאָס בלאָנדזשען צו דיר און פאַרפירן.
כ׳וועל צום טיש אַ מאָלצייט גרייטן מיין עלנדן פיין,
ווּעסטו דאַן פאַרשטיין, וואָס עס איז אַ מענטש אויף דער ערד צו זיין.

ג.

אויף שפּיצן ביימער פֿאַרגייען טעג,
אויף שפּיצען ביימער גייען אויף ראָזיקע באַגינענס, —
איך בין אויך אַ בוים, און ס׳וועט ביי מיר דאָס זעלבע זיין.

אויף טייכן שווימען וואָלקנס, — פינסטערע שיפן פון טעג,
און ווייסע מעוועס, איינגעשפּאַנט אין שטראַלן, —
איך בין אויך אַ טייך — און ס׳וועט ביי מיר דאָס זעלבע זיין.

נעפּלען האָבן אָפּגעווישט דאָס גרין פון פעלדער און דאָס בלוי פון הימל;
לייכט־אויף אַ טאָג, וויינט פון פרייד דאָס גרין מיט טראָפּנס טוי, —
כ׳בין אויך אַ פעלד, — וועט ביי מיר אייביק אַזוי זיין.

זעט אַ קינד אין חלום שלעכטס, שרייט עס פון מיטן שלאָף,
זעט אַ קינד אין חלום גוטס, לאַכט עס פון מיטן שלאָף,
איך בין אויך אַ קינד, און יעדער טאָג איז אַ חלום מיין,
וועט ביי מיר דאָס זעלבע זיין.

ד.

גאָט! אויף די בריוולעך, וואָס דו שיקסט צו מיר,
געשריבן אויף ווייסע בייגעלעך — די העלע טעג,
שטייט אַזוי:
ס'איז לעבן, מענטשל מיינס,
אַ שוין צעאַקערטע בייט —
פאַרזייע אויף איר, וואָס דו ווילסט:
די הפקרדיקע פרייד פון רויטער מאָן־בלום,
די שטילע פרייד פון דער אוגערקע,
ווען זי צעעפנט איר בליט,
דעם טרויער פון דער פולער זאַנג,
ווען זי בייגט פאַרנאַכט אַראָפּ דעם קאָפּ
מיט טוי אויף איר גריווע.
און ביים זון־פאַרגאַנג, ביים ראַנד פון טאָג,
האָב איך געזען אונטערגעשריבן — גאָט!

ה.

ס׳איז די נאַכט מיין אָפּענער בריוו צו דיר, גאָט!
זי איז אַ טינט־פלעק אויף דיין העלן בריוו, דעם טאָג.
דו זאָגסט: ס׳ווענדט זיך אַלץ אָן מיר.
כ׳האָב אַ ווילן, נאָר ער איז געבונדן צו אַ צווייטן ווילן,
און איך ווייס נישט, ווער דער צווייטער איז.
ס׳איז פּראָסטיק אויף דער וועלט, גאָט!
ס׳קומט דער פרילינג אויף קריעס אייז צושווימען
און פאַרשאַנקערט אין אונזער האַרץ.
גייט באַלד אַוועק דער פרילינג — ווער ווייסט וואוהין,
און מיר בלייבן שטיין אייביק וואַרטן אויף אים.
פאַרנאַכט — אויף שפּיצןביימער קראַקען קראָען ווײַנעדיק,
און טרויעריק בילן הינט, און קעץ יאָמערן אין די נעכט,
און אויף פעלדער שטייען ביימער עלנט, יתומדיק, —
דאָס שרייבט יעדער, אויף שפּראַך אומעטיקער,
בריוועלעך צו דיר — גרוסן פון דיין וועלט.
ס׳איז אַ טינט־פלעק אונזער לעבן אויף דיין קלאָרן בריוו, דעם טאָג.

ו.

גאָט!
דו האָסט מיך געקנעטן,
ווי מ'קנעט ליימיקן ציגל
ביים ערשטן טריט פון דער וועלט
איבערשאַף מיך ווידער:
אַ ביסל ערד פון אורוויסטע,
אַ ביסל וואַסער פון אורטייכל,
כדי שטיל זאָל איך ליגן
אין מיין ערדישער רויִקייט,
אין מיין וואַסערדיקער לויטערקייט
און זען,
ווי ס'זיגזאַגעט אַדורך
פאַרביי מיר דער מענטש
מיט זיינע שיכורדיקע פיס,
און לויבן דיך
מיט מיין טייכישן פלייץ,
מיט מיין ערדישן בלי,
וואָס כ'בין נישט, ווי זיי,
וואָס כ'בין נישט פון די.

ז.

גאָט! דו וואוינסט אין די הימלען אַליין,
און מיך אויף ערד האָסטו מיט מענטשן געבונדן,
וואָס זייער יעדעס וואָרט, יעדער מיין
איז פייער — פאַר מיר געצונדן.

מיין שאָטן האָט פון לאַנג זיך מיט מיר געזעגנט:
— צוואָס גיי איך נאָך דיר? ביסט ווי איך, אויך אַזאַ שאָטן,
און דער טרויער, וואָס אויף מיין נשמה רעגנט,
איז איצט מיין שטענדיקער באַגלייטער.

איצט מוז איך אויף ערד נאָך גיין,
מיט טרויער און מענטש אויסגעמישט זיין,
ביז וואַנען כ׳וועל הערן דיין קול: „טויט!“ —
דאַן וועל איך שוין אויך זיין אַליין.

ח.

גאָט!
מאַך, אַז מענטשן זאָלן ווי שנייען אַראָפּפאַלן אויף וועלט
און ווי שניי צעגיין,
און שטיל זאָל זיין דאָס קומען
און שטיל — דאָס פאַרגיין,
ווי ס'גרינט, דערנאָך ווערט געל דער בוים,
אָדער ווי אַ קנאָספּ צעעפנט זיך אינדערפרי
און פאַרנאַכט — שוין נישטאָ.

ט.

גאָט! נעם-צו מיינע הענט
און הענג זיי אויף ערגעץ אויף אַ פּלויט:
זאָל זיך שפּילן דער ווינט
מיט די צען פינגער, וואָס אויף זיי.

נעם-צו מיין האַרץ
און הענג עס אויף
אויף דער ערד, צי אויף דער זון —
זאָל עס זיך דרייען מיט זיי!

י.

גאָט, כ'וויל זיין ווי די נאַכט,
וואָס שלאָפט אויף אַ צווייג, ווי אַ קראָ,
און אינדערפרי —
זי פליט אַוועק.

כ'וויל זיין ווי אַ שטראַל,
וואָס פאַלט אַריין
אין אַ פאַרסאַזשעטן קוימען
און פליט צוריק —
צו דער זון אַרויף,
גלייך ווי געוועו.

יא.

ס׳גליווערט טויט, פאַרטייעט אין אונזער בלוט,
און אין יעדער שעה און אין יעדן טאָג —
ווערט עפּעס אין אונז געשטאָרבן.
ס׳קלאָגט דער מענטש אויף דאָס לעצטע וואָרט: טויט
און קיינמאָל נישט אויף שטאַרבן,
וואָס איז איינגעקריצט אין אונזער פלייש
פון דער מוטערס טראַכט.

ווער עס טראָגט אַ גאָט אין האַרץ,
דער האָט אַ טרייסט,
זיין יעדער טאָג איז אַ ליבע־בריוו:
כ׳גיי צו דיר!
און ווער נישט — זיין געבוירן צייכנט טויט.

יב.

דער צעגאַנגענער שניי פון גאַס,
דאָס געפרוירענע גרעזל אין פעלד,
אַ דערשאָסענער פויגל, וואָס הענגט ביי די פיסלעך אָן אַ צווייג,
און איך, אַ מענטש, אָנגעטון אין נאַכט – אַ שוואַרץ העמד –
בעט איך דיך:
ס׳וויל מער נישט אַ גרעזל, ווי בלויז אַרויסשטעקן דאָס קעפל
פון דער ערד,
אַ פויגל זיך דורכפליען אַ ביסל און שלאָפן אויף אַ צווייג,
און איך – אַרומנעמען די ערד.

יג.

גאָט ! דו גייסט מיט אומגעזעענע
טריט אויף דער ערד
און שרייסט צו אַלץ,
וואָס איז נאָר פאַראַן :
וואַקס !
לאָז איבער אַן אומגעזעענעם
טריט אין מיר.
פאַרוואָס גייסטו מיך פאַרביי ?

יד.

גאָט! ווען מען איך באַגעגן אויף מיינע וועגן,
פרעג איך — וואו דו ביסט,
ווייל מיין וועג צו דיר
איז באַשאָטן מיט פינסטער.
ווי אַ פאַרנאַכטיקער שטראַל,
וואָס פאַלט פון אַ ליכטיקן הימל,
און ווען ער דערגרייכט די ערד,
באַגעגנט אים נאַכט —
אַזוי איז מיין גאַנג צו דיר.
ווי אַ בוים אין ווינטער,
נאַקעט, אָן פרוכט און אָן גרין, —
זיינע צווייגן סטאַרטשען,
ווי צעשפרייטע אָרעמס
פון פאַרצווייפלונג אין וועלט —
אַזוי בין איך אָן דיר.
ווייל דו ביסט מיין פרילינג!
אָן דיר בין איך,
ווי די טריט פון אַן איינזאַמען גייער אין שניי,
אין דער צייט פון אַ זאַווערוכע.

יח.

גאָט! מאַך מײן פּײן — געזאַנג פון אויפגײן,
ווי די גסיסה פון נאַכט
ביים ליכט פון מאָרגנשטערן.
מאַך, אַז ס׳זאָל זיך נישט אַרײַנמישן
אין מײן פּײן קײן לײד, פאַרשאַפט פון מענטשן,
וואָס לויערן אויף אַן עוולה,
ווי אַ הונגעריקע קאַץ אויף אַ מויז.
כ׳האָב קײנמאָל קײן פרײד נישט געבעטן,
ווײל פרײד האָט די רײפע זאַנג,
וואָס טראָגט שוין די פרוכט פון איר צער,
און איך האָב דאָך שטענדיק געהאַלטן ביים אָנהײב.
כ׳וויל האָבן דעם ציטער פון גרעזל פאַרן שפּעטער,
זײן מורא פאַרן ווײַט פון די טעג,
פאַר דעם שוואַרץ פון די נעכט, —
נאָר אַלץ זאָל זײן פון דײן האַנט, פון דײן האַנט.

יז.

מיין צימער איז קליין,
קוים וואָס דער טאָג גייט דערין אַריין —
דאָך פלעגסטו קומען, גאָט,
צוזאַמען מיטן פאַרנאַכט
צו מיר אין מיין היים
און פאַרברענגען מיט מיר.
און ווען איך בין איינגעשלאָפן
אויף דיינע הענט,
ביסטו געקומען אין מיין חלום.
צומאָרגנס פלעגסטו שיקן דעם באַגין —
צו עפענען מיינע אויגן צוזאַמען מיטן קנאַסט,
און איך האָב זיך געפרייט,
וואָס איך וואַש דאָס פנים — דיין געשטאַלט.
און היינט לאָז איך איבער דעם פאַרנאַכט
אַליין אין מיין הויז, —
פון בענקשאַפט נאָך דיר
ווערט ער טונקעלער, טונקעלער, —
און איך גיי דיך זוכן אויף די גאַסן פון שטאָט.
גאָט, ס'איז מיר אומעטיק צו זיין אַליין.

יז.

װען איך שטרעק אױס מײנע הענט, בעטנדיק אין װעלט,
טרעפט, אַז ס׳זיפּט זיך דורך אַ װײכער װינט דורך מײנע פינגער
און אין די בלאָנדע האָר פון מײַן טשופּרינע
פלעכט זיך אײַן אַ שטענגעלע שטראַלן,
אָדער אױף מײנע װיעס, װי נעסטן
(װאָרים מײנע אױגן זענען פײגל, װאָס פליען אין די װײטן),
הענגען זיך אױף װײסע בלימעלעך שנײ —
דאַן פיל איך, אַז אַלע מײנע תפילות זענען
שױן מקוים געװאָרן,
און הענט װערן צװײגן, אױף װעלכע ס׳בליט די פרײד.

יח.

דער טאָג איז אַוועק,
און אויף געזעגענונג אויפגעהאָנגען אין מערב
אַ טיכל, אַ רויטס,
און מיטגענומען מיינע געבעטן צו דיר –
נעם זיי צו, גאָט,
ווי איך די פּיין, וואָס דו שיקסט.
איצט קניט שוין די נאַכט אויף די מויערן פון שטאָט,
און שטערן ווינקען צו די פיש אין אָפּגרונט פון די טייכן,
און צו די גראָזן, וואָס זענען קראַנק אין די נעכט,
ווייל זיי בענקען נאָך זון.
און שטערן שפּיגלען זיך
אין אויגן פון אַ הונגעריקן,
וואָס ליגט אויפן טראָטואַר,
און אין אויגן פון זיין מאַמען,
וואָס בענקט ערגעץ נאָך איר זון.

ליר ישע לידער

I.

זאָל אויפגיין דאָס געזאַנג איבער מיר אַליין:
איך בין דאָס פעלד און איך בין דער פליין;
וואָס אַרט מיך, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט זיין מיין —
אַז דאָס ליד איז אַזוי שיין, אַזוי שיין.

זיי וועלן נאָך קומען — נישט געדאגהט —
מיט אויגן פול געבעט,
און זאָגן: — נאַדיר מיין ברויט און מיין בעט,
נאָר גיב אונז דיין ליד — פאָעט.

II.

איך האָב געשוואוירן ביי גרין,
וואָס איז מיר ליב:
כ׳מוז וואַשן מיין גוף אינם טוי פון פאַרטאָג,
און דאָס ערשטע פעדעמל גאָלד
זאָל גלעטן מיינע באָרוויסע פיס.
און דאָס פעדעמל, וואָס וועט זיך פאַרטשעפּען אָן מיר,
וועל איך שפּאַלטן אויף צווייען פאַר מיר און פאַר דיר,
וואָרים שיין איז דער טרויער, וואָס איז איינגעוויקלט אין זיך.

III.

אין צימער איז טונקל,
און כ׳עס מיין אָוונט-ברויט —
אַ שטיקל ברויט, פאַרשמירט מיט נאַכט,
און אַ גלאָז וואַסער, אין וועלכן עס באָדן זיך שטערן —
איז גוט מיר,
וואָס לבנה זיצט ביי מיין טיש,
מיט אירע קינדערלעך שטערן.

IV.

כ׳נעם אָן מיין מאַנטל,
פאַרלייג אַ פאָלע אויף אַ פאָלע,
קאָרטשע זיך איין דערין
און זיץ.

כ׳האָב נישט,
װער ס׳זאָל מיר הייסן גיין!

V.

אָפּט דאַכט זיך מיר:
כ׳בין אַ בוים,
און די טעג זענען ווייסע בליטן אויף אים –
קומען ווינטן און ווייען זיי אַראָפּ,
בלייב איך שטיין אין הוילער נאַקעטקייט,
און ס׳וויינט מיין בוימיש האַרץ.

VI.

אויב ס׳וועט הענגען אַ ליד אין מיר,
ווי אַ בלעטל אויפן בוים —
ווער וועט דאָס אַראָפּווייען?

דורך די שפּאַרונעס פון מיין טיר
וועט אַריינבלאָזן אַ ווינט.
און וועט זאָגן — שוין.

אָדער איינס וועט ווערן צייטיק,
ווי אַן עפּל אויפן בוים,
אַ צווייטס — ווי אַ שוואַרצע פלוים,
וועט עס זיך אָפּרייסן
און זאָגן — כ׳וויל שוין זיין אַליין!

VII.

וואו איך קום, נעם איך מיט מיין היים:
אַ גרין פעלד, אַ צעבליטן בוים
און אַ פאַרנאַכט – אַ מאַמע, וואָס טוליעט זיך צו זיי:
פריער אין רויטן קלייד, דערנאָך מיט שטערנדלעך פון שניי.

און ווען איך וועק דעם מאָרגן אויף, ווי דער האָן,
מיט מיין בענקשאַפט נאָך דעם טאָג,
זע איך שטאָט – אַ פעלד אין גרין שוין אָנגעטון,
און שטערן שיינען ביי יעדן ראָג.

VIII.

ברודער, ס'איז עלנט דער וועג צום ליד,
ווי דער גאַנג צו גאָט ;
ס'איז אַזוי פיל שיינקייט פאַרהאַן אין מענטש,
און קיינער גיט נישט, וואָס ער האָט.

דו שעמסט זיך, וואָס כ'אַנטבלויז מיין האַרץ
נאַקעט פאַר אַ וועלט —
מיין לערער איז דער טאָג
און איך דאָס טייכל, וואָס קוועלט.

IX.

די שטילע טריט, די גילדערנע,
פון דער אַוועקגייענדיקער פיין —
וועל איך באַגלייטן ביז צום וועג,
און נאָך יאָרן היטן שטום
זייערע שפורן אויף דער ערד.
ווער וועט איצט קומען צו מיר
אין אַן איינזאַמער שעה,
ווער וועט לערנען מיך שעלטן
אַלץ, וואָס איז דאָ ?
זעט איר עלנט אומגיין געפרוירן אויף דער גאַס —
בענטשט די פיין, וואָס איז אויף ערד נאָך פאַראַן.

X.

די האָסט ליב די וועלט,
ווי אַ ביימל דעם פרילינג,
ווייל עס ווייסט, אַז ער גרינט.
און אָט אַזוי זיצסטו אין דיין שטיבעלע,
און מיט פינגער — לאַנגע בלעטעלעך —
גלעטסטו, ווי קינדער־קעפ, די טעג.

XI.

גאָט!
כ'האָב געהערט דיין קול, וואָס איז געגאַנגען
פון די שטערן ביז אַ גרעזל פון אונטער אַ שטיין,
דעריבער בין איך אַרויסגעלאָפן אין פעלד.
אין פעלד האָבן גוסדיקע גראָזן
געטרונקען ס'לעצטע ביסל זון
און אויסגעגאַנגען אויף די הענט פון ווינטן —
קראַנקען־שוועסטערן,
און איך בין גערופן צו זיין
דער טויטן־וועכטערביים האַרבסט.

XII.

קינדער אין די נעכט דערשפּירן בלינד,
אַז זיי זענען מענטשן, און – וויינען,
און מאַמעס, שלאָפנדיקע, פאַרשטאָפּן זייערע מײַלער
מיט ברוסט.
מענטשן אין די נעכט, בײַם מאָגערן שײַן פון שטערן,
דערזען פלוצלינג, אַז הערצער זענען אויסגעבײַלטע פּויסטן,
און קלאָגן אויף דעם, וואָס אין וועלט איז נאָך האַרץ פאַראַן.
גופים אין די נעכט, ווי אויסגעריסענע וואָרצלען,
שרייען – אַז זיי ווילן צוריק צו ערד.

XIII.

ס׳איז אַ טאָג אויפגעשטאַנען אויף רעכטער זייט,
זיך אויסגעוואַשען דאָס פּנים מיט טוי,
פריער אַרויפגעצויגן אַ טונקל העמד,
דערנאָך אַ מאַנטל פון זון,
און — אַוועק.
פון היינט אָן וועל איך אויפציען די טעג
אויף זיידענע שנורן, ווי פּערל.

XIV.

שטייט מיין לעבן ווי אַ בוים אין ווינטער,
האָבן ווינטן געוויייעט איבער מיר,
אַריינגעקוקט,
און נישט געקאָנט אַריין –
וועל איך שטיין און וואַרטן אויף פרילינג
און פילן ווי יעדע רגע
איז נאָך אַ גרין בלעטל אויף מיר.

XV.

די קאַץ האָט שוין אויפגעהערט
זיך וואַרעמען אויף מיין שוועל:
ס'איז שוין קאַלט אויף איר.
אין מיין גערטנדל געלבט זיך שוין
דאָס אוגערקעלע, וואָס איז נאָך נעכטן
געווען אַ בליט.
און מיינע אויגן זענען נעכט,
און דאָס האַרץ – דער האַרבסטיקער ווינט,
וואָס יאָמערט אויס דאָס געוויין פון די נעכט.
וואו זיך אַהינטון? –
ווען אין מיין הויז וואוינט דער האַרבסט
און אין מיינע אויגן – די נאַכט.

XVI.

מאַמע!
דו שטייסט נאָך אין שבת־טונקל
און וואַרטסט אויף דריי שטערן,
וואָס זאָלן אַריינקוקן אין דיין פענסטער
און ווייזן, אַז ס'איז וואָך.
זאָגסט דיין „גאָט פון אברהם"
און בעטסט פאַר מיר, דיין זון.
מ'איז יעדער טאָג פאַר דיר אַ סידור,
אויסגעשריבן מיט שוואַרצע אותיות
פון מיין פיין,
און וויינסט אַרויס פון אים צו גאָט, —
פאַר מיר.
אָבער ווייס:
ס'איז גאָט פאַר מיר אַ שטראָמענדיקער טייך,
און איך — אַ שאָטן פון עפּעס, וואָס שפּיגלט זיך אין אים.
דאָס וואַסער שווימט אַוועק,
און דער שאָטן בלייבט ליגן אויפן אָרט.

XVII.

ס׳איז אַוועק די פרייד פון מיר,
פון זיין אויף ערד,
וואו כ׳בין אַזוי ווייניק געוועזן
און וועל לאַנג שוין נישט זיין.
יעדער באַגין, ווען דער הימל
צעעפנט זיך מיט בלוי ווי אַ קנאָפּ
און זון איז ווי אַ בלומען־קנאָספּ אין אים,
איז יום־טוב געוועזן פאַר מיר.
און שבת זענען געוועזן די פאַרנאַכטן,
וואָס קומען שטיל אויף די שפּיץ־פ. גער
אויף ערד,
ווי מען גייט אין אַ צימער פון אַ קראַנקן,
ווען ער שלאָפט.
און די פיין, וואָס וואַקסט,
ווי קראָפּעווע פון זיך אַליין אין האַרץ,
איז מיר געוועזן ליב.
אויך דורך איר האָב איך געפילט,
אַז איך לעב.

XVIII.

װען דו ביסט פֿון מיר אַװעק
און זיך אױסגעדרײט מיט דער פּלײצע,
האָב איך געזוכט אַן אָרט,
װאו צו לײגן מײן קאָפּ אין רו,
און געפֿונען בלױז אַ שטײן.
האָב איך געהערט, װי ער שרײט:
– כ'זוך דאָס זעלבע, װאָס דו!
דאַן איז מײן ביסעלע האָר געװאָרן מיר װײס.
גײ איך אום,
װען גרינע בײמער גלעטן מיט שאָטן מײן קאָפּ,
און מען פֿרעגט מיך:
צי איז שױן געפֿאַלן דער שנײ?

XIX.

איצט קאָן איך שוין זיצן מיט פאַרלייגטע הענט :
כ׳האָב געטראָפן אַ וועג — ער וועט שוין פאַר מיר גיין ;
ווי אַ שפּענדל אויפן טייך, דאָס וואַסער פירט עס וואו עס וויל, —
כ׳האָב עמעצן געזוכט, און געטראָפן זיך אַליין.

כ׳גלייך אויס די פיס פון [illegible] קניען,
כ׳לאָז אַראָפּ די הענט פון געבעט :
כ׳קאָן זיך שוין שפּילן מיט זיי מיטן שניי, ווי דער ווינט,
כ׳האָב צו עמעצן גערופן, און צו זיך אַליין גאָר גערעדט

XX.

פאַרוואָס אָטעמען אַזוי פרעמד
טירן פון הייזער אין שטאָט ?

פאַרוואָס אין דאַנסינגס,
וואו ס'טוליען פּאָרלעך איינס
צום צווייטן זיך אין טאַנץ, —
זעט אויס, ווי ס'וואָלט דער עלנט
אין הויזן און קליידל זיך אויסגעפוצט,
און אָט אַזוי, כדי אים נישט צו דערקענען, —
זיך אַוועקגעיאָגט אין טאַנץ ?

פאַרוואָס גייען טויזנטער אויף גאַסן,
ס'שאַרן הערצער זיך פאַרביי הערצער,
און רירן קיינמאָל זיך נישט אָן ?

XXI.

גוט איז, וואָס דער האַרבסט,
זייעט טרויער אויף דער ערד,
און אויף אַ לאַכנדיק פּנים
פאַלט אַ בלעטעלע אַ געלס, —
ווערן מענטשן ערנסטער,
פאַרטראַכטן זיך אַ ווייל.

גוט איז, וואָס מענטשן
ווערן קראַנק אַמאָל,
און אויף געזיכטער בלייבט פאַרגליווערט
די מורא פאַרן טויט, —
ווערן מענטשן פרייליכער,
ס'איז נאָך דאָס לעבן ליב.

און גוט איז מיר,
ווען כ'האָב עמעצנס געוויין, —
דאַן זע איך:
ס'איז נאָך דאָ אויף וואָס צו קלאָגן.

XXII.

ווי ביימער, וואָס שטרעקן קעפּ פאַריתומט אויס
פון שניי,
און אויף זיי הוליעט אַ שניי־שטורעם, — אַזוי בין איך.

ווי אַ שנייעלע, וואָס פאַלט פון הימל גלייך אין אויג
און רינט דערנאָך ווי אַ טרער וואַרים אויף דער באַק, —
אַזוי בין איך.

ווי מען צייכנט אַ מענטש אויפן שניי,
און ווינט צעבלאָזט עס איבער פעלדער, —
אַזוי בין איך.

XXIII.

אין מיין אָרימער היים בליט מיין קעניגרייך,
יעדן טאָג קומט דער באַגין פאַרן פענסטער מיט אַ בשורה,
אַז דער הימל האָט אין בלוי זיך שוין אָנגעטון —
טרינק איך אָן מיינע אויגן מיט בלוי,
טראָג זיי אַרויס אין וועלט און ווייז — דאָס איז מיין פאָן.

אָפט קומט די זון נאָענט פון מיין הויז,
גריסט מיך, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ קעניג פון אָרעמקייט־לאַנד,
איך זיץ אויף מיין טראָן מיטן טאָג אויף דער שויס
און אַ בינטל שטראַלן פאַר אַ סצעפּטער אין דער האַנט.

אַזוי גייט אַ שעה נאָך אַ שעה,
ביז דער אָוונט ווישט אָפּ שוין דאָס בלוי —
ווער איך אויס קעניג,
דער קעניג איז נישטאָ.

XXIV.

כ׳האָב היינט געזען,
אַז דער טויט,
דער היטער פון מיין בעט,
איז נישטאָ,
און אָ לעבן אַזאַ פריידיקס
האָט געשפראָצט פון מיין גוף,
פון מיין היים און פון יונגן באַגינען —
האָב איך געבענקט נאָכן טויט,
וואָס איז אַוועק;
ווייל גוט איז מיט צעבליטן גוף
אין זיין שאָטן צו זיין,
ווי אין אַ הייסן זומער־טאָג
צו זיצן אונטער אַ בוים.

XXV.

כ'בין געשטאַנען ביי אַ בוים,
וואָס האָט זיך צעבליט.
דער טאָג האָט מיט אַ ברייטער האַנט
זיינע מתנות געשיט
און גאָרנישט געוואָרן מיד.
האָבן מיינע אָרעמע קליידער
אויף מיר זיך צעוויינט:
— זעסט, אין האַרבסט ווערט נאַקעט דער בוים,
זומער טוט ער זיך אָן אין גרין און אין בלעטער.
בין איך אַנטלאָפן צו מיר אין מיין היים.
אויפן טיש איז געלעגן אַ שטיקל ברויט —
מיין גאַנץ עסן שוין גרייט.
האָט מיין היים אויך זיך צעוויינט,
און איך האָב זיך געפרייט:
דער אָוונט האָט שוין דאַן מיט אַ רייכער האַנט
שטערן אויפן הימל געזייט.

XXVI.

מיינע וועגן שניידן זיך אין די פאַרנאַכטן,
ווען קנאָספּן באַהאַלטן דאָס ביסל אָנגעקליבענעם
טאָג אין זיך, אין מורא פאַר דער נאַכט.
כ׳האָב קיין אָרט, וואו צו קאָנען רויִק זיין,
און מיר דאַכט זיך, אַז דער שפּאַן ערד,
וואָס איך שטיי אויף אים, —
שרייט: וואָס טוסטו דאָ?

XXVII.

וועלט, איך ווייס, אַז איך בין קליין,
נאָר איך ווייס אויך, אַז ס׳איז נישטאָ
קיין גרויס און ברייט אויף דיר –
טאָ וואָס־זשע אַרט מיך, אַז אַ ביסל קלענער.
איך האָב קיינמאָל קיין זאַך נישט פֿאַרלאַנגט,
ווייל איך דאַרף פֿאַר מיר גאָרנישט האָבן.
איך וויל דערגרייכן נישט מער,
ווי אַ שטיקעלע ברויט
און אַ ביסעלע זון אויף אַריינצוקוקן אין זיך.

נאַכט-לידער

I.

די נאַכט — אַ הונגעריקער טונקעלער הונט —
האָט אָפּגעלעקט דאָס רויטע בלוט פון מערב
און זיך אַוועקגעלייגט אַ רויִקע אויף דער ערד.
דריי קראָען שטייען אויף מיין דאַך און שעלטן:
איינע פּיקט מיין האַרץ,
דאָס האַרץ האָט פאַרבלוטיקט מיין וועג —
איצט לעקן שוין הינט מיינע וועגן.

II.

מיין שטיבל איז פון קיילעכדיקע סאָסנע-קלעצער,
אויפן שטרויענעם דאַך נעכטיקט, אַן איינזאַמער, דער ווינט,
און אַרום — וואַלגערן זיך שנייען, פאַרבלאָטיקט און פאַרווייעט, —
אָ, וויפיל ווייסקייט האָב איך שוין געשפּרייט,
צו באַלייכטן מיינע אייגענע גרויע פיר איילן,
און איך בין נאָך אַלץ אַ טונקעלער פלעק אויפן שניי.

III.

ברודער, וויפיל מאָל כ'האָב מיך געטוליעט
צו אַ וואַרעם פענסטער,
צו דער ליכטיקער שיין —
און קיינער האָט נישט געזאָגט — קום אַריין.

פּ ײ ז אַ ז ש ן

I.

אויף פּוכיקן שניי־געבעט
ליגן נעכט און שלאָפן שטיל,
קי אין שטאַלן דרעמלען,
אויגן זייערע פול לבנה,
וואָס שפּאַרט זיך אין שטאַל
דורך אַ דינער שפּאַרונע,
מעלה־גרהן, מעלה־גרהן,
און פרעגן מרוקענדיק:
וואָס איז עס פאַר אַ וועלט,
וואָס — אַ?
פיש אין געקאַרבטן, טונקעלן וואַסער
כאַפּן זיך שטיל אויף דער איבערפלאַך אַרויף,
דערשלינגען אַ שטערן
און פאַרשווינדן צוריק אין דער טיף.

שטיל,

ווינט איז צוגעפרוירן צו דער ערד.
ס'ציען זיך פעלדער — לויטערע שפּיגלען.
וואו די גייסט, טרעטסטו אויף העל־אויסגעשטערנטן הימל,
יעדער נאַקעטער בוים איז היינט אַ בעריאָזקע,
שטערן גיסן זיך פון הימל
און לייגן זיך עלנט אויפן ציכטיקן שניי.

III.

ס׳זענען ווינטער־נעכט — זילבערנע פלייטן

פאַרויס מחנות, פאַרשיכורטע פון פרייד ;

קעפ פוןביימער זענען מיט שנייען באַשאָטן, ווי מיט בליעכן,

און אויף זיי וואַקסן שטערן.

אויף טייכן, וואָס קושן מיט געפרוירענע ליפן די ברעגן,

שטייען האָזן, —

אויף זייערע דיקע, פוכיקע עקן

איז לבנה פאַרפלאָכטן מיט שטראַלן,

זיי זוכן מיט צעשראָקענע אויגן אַ שטיקל אָפענעם טייך אויף אַ טרונק

און געפינען נישט —

אַנטלויפן זיי מיט פאַרבונדענער לבנה איבער ווייסקייט אין וועלדער.

IV.

ס׳האָבן וועגן מיט ווייס זיך צעבליט
און אויסגעגליכן מיט פעלד,
ביימער לאַכן העל, ווי קינדער, אָנגעטון אין נייע העמדלעך,
שטערן שיינען, ווי אויסגעשלאָפן,
און טייכן – וועלטס ווייַנענדיקע אויגן –
לאָזן אייזיקע וויעס אַראָפּ
פאַרן בלענדן פון שניי.
ס׳איז מסתּם געווען אַ שׂרפה היינט אין מיטן נאַכט,
איז וועלט אַרויסגעלאָפן אין בלויזן קלאָרן העמד.

V.

פֿאַרנאַכט,
אויף אַ רוקן פֿון אַ בערגעלע
איז זון געלעגן ווי אַ רויטע מאָן־בלום
אויף אַ בינטל אָפּגעשניטן קאָרן,
און מוקן האָבן זיך געשפּילט אַרום איר פּנים.
פּאַמעלעך האָט זי זיך אַראָפּגעגליטשט
איבער תּבואות אינם סאַמעטענעם וואַלד —
האָבן שטיל זאַנגען שווערע קעפּ אַראָפּגעלאָזט,
ווייל אין הימל איז שוין געשטאַנען
אַ בלאַנקע לבֿנה, ווי אַ סערפּ.

VI.

פאַרנאַכטן זענען עלנטע תפילות,
וואָס וואַרטן אויף עמעצן — ער זאָל זיי דערהערן.

ביימער זעען אויס ווי סטויגעס אָוונט,
צונויפגעשאַרט פון פעלדער.

פערד דרעמלען — העלזער אויף העלזער,
מיט קעפּ פול חלום פון גרינע לאָנקעס.

אויף שפּיצן ביימער שלאָפן קראָען,
צוגעדעקט מיט שטיקלעך וואָלקן.

גראָזן טאַפּן בלינד די ערד,
ווי הונגעריקע זייג־קינדער
ביינאַכט, וואָס זוכן ברוסטן.

VII.

פאַרנאַכט, ווי מען גיסט טונקעלן ווײַן אין העלע דורכזיכטיקע
פלאַשן,
האָט אַראָפּגעטריפט נאַכט פון שפּיץ קלויסטער-צלם אין טאָג
און זיך אײַנגענורעט אַזוי שטיל אויף מרה-שחורהדיק-שטרויענע
דעכער,
ווי אַ קאַץ, אַן אײַנזאַמע, וואָס לייגט זיך אויס אויף ערד מיט אַ
לבנה צוקאָפּנס.

VIII.

אָסיען

טעג ברודיקע, אויסגעווייקטע,
אָנוּצעס פון אַ צעריסענעם שטיוול
אין אַ רעגנדיקן טאָג,
קאָרטשען זיך חזיריש
אין דער בלאָטע פון גאַס.
אויף אָפּגעלעבטע פעלדער
וואַרגן זיך מיט קאַלטן ווינט
בלייכע, קראַנקע גראָזן,
ציען זיך אַ לעצט מאָל אויס
און פּגרן.

פ אַ ר ש י ד ע נ ע ל י ד ע ר

ע י ן - ה ר ע - ג ע ש פ ר ע ך

פאָלקס-מאָטיוו

זיצן צוויי ווייבער אויף אַ מאָכיקן שטיין
און שמועסן פון גאָט, און פון גראָז, און פונם וואונדער פון כריין,
וואָס באַהאַלט זיך ווינטער מיטן וואָרעם טיף אין דער ערד,
ביז ס׳ווועט דאָס קול פונם דונער צו זיין אויער דערגייז.

זאָגט איינע :
כ׳בין געגאַנגען אַנומעלט ביינאַכט
שעפן וואַסער מיט שטערן פון טייך,
האָב איך געהערט, ווי דער האָן האָט אין חלום געלאַכט
און די ווערבע האָט פאַר די פיש אַ ניגון געפייפט.

מאַכט די צווייטע : — מ ׳ נ אַ !
און ציילט :
נישט — איינס,
נישט — צוויי,
נישט — דריי,
נישט — פיר,
כדי גוטע מלאכים זאָלן זיך באַהעפטן צו איר,
און זאָגט :
כ׳בין געגאַנגען אַנומעלט באַגין, **קלויבן שטשאַוו אין פעלד**
האָב איך געזען, ווי די פליג האָט זיך געקושט מיט איר שונא
דעם שפין,
און ווי גוטע פריינט זענען זיי זיךביידע צעגאַנגען אין וועלט.

פאַר קינדער, וואָס וויינען אין מיטן נאַכט גלאַט אַזוי,
ווייל בייטאָג האָט אַ בייז אויג זייער שיינקייט נישט פאַרגינען,
זאָגן עס מאַמעס:
„נישט — איינמאָל,
נישט — צוויי,
פו־פו־פו, פו־פו־פו! —
די עין־הרע איז נישטאָ!"

דריי ברידער

איינער גייט יעדן פרי
קלויבן שטערן גרינע,
וואָס זענען אַראָפּ איבער נאַכט מיט אַ זילבערנעם פלי,
און קאָן זיי נישט געפינען.
וויינט ער איינזאַם און אין דער שטיל,
וואָס שטערן ווערן אין וועלט פאַרלוירן, אָט אַזוי, אָן אַ ציל.

דער צווייטער גייט זאַמלען טראָפּנס טוי,
וואָס זעען אויס אין באַגין,
ווען דער הימל גיסט אין זיי בלוי,
ווי פערל אויף שנירלעך גראָזן,
און טרויערט: — ווי אַזוי קאָן אַ מענטש אַזוי פיל זיך נאַרן.

און איך, דער דריטער, ווייס,
אַז מיינע הונגעריקע טעג
האָבן שוין איינגעשלונגען די זאַטע, —
בענק איך נאָך אַ צייט,
ווען איך וועל אַ קעניג גאָר ווערן;
דאַן וועט אַרויסגיין אַ טאָג פון נאַכטישע ברעגן,
און בכבודיקע לייט —
מיט ברויט מיר אַנטקעגן.
וועל איך זיך אָנעסן צו זאַט
און זיך וואונדערן:
צוליב דעם האָב איך געדאַרפט אַ קעניג גאָר ווערן?

וואַרשע

ס׳ליגט דער יאָך אויף דיר, שטאָט,
צוגעשמידט צו דיינע שטיינערנע פּלייצעס,
גייסט אין שפּאַן פון הונדערטער שטעט,
און אַ בייזער יאַט, אַ שמייסער, האַלט די לייצעס.

דער הימל, ווי שווערע צינערנע בלעך,
איז צוגעקאָוועט צו דיינע דעכער,
אונטער אַזאַ הימל ווערן אין די קעלערס און אין די בוידעם-לעכער
פון מאַמעס — זונות און פון טאַטעס — מעסער-שטעכער.

דיינע הויפן ליגן ביינאַכט אין אָרימע קוואַרטאַלן,
ווי שוואַרצע קאַסטנס שווערע איבערגעקערטע
שטיקער הימל, אויסגעשטערנטע
זייער דנאָ.
פינקלען די שטערן, ווי שטיקער גלאָז אין מיסטקאַסטן,
אַנטקעגן דער זון דער הויכער פון דער מיטאָג-שעה.

און מענטשן גייען אויף דיינע גאַסן אום,
ווי שיפלעך אומצאָליקע פון אַ גיגאַנטישער וועב-מאַשין,
אַלע מיט אויגן צו דער ערד,
ס׳וויל נישט קיינער אויפהייבן אויגן העכער פון זיין דאַשעק —
אַלע ציען זיך אַהער,
נישטאָ קיין אַהין.

* *
*

שטעטל איז איצט מיט פּאַרנאַכט שוין פול,
ווייבער טראָגן וואַסער, אויסגעמישט מיט שקיעה,
און מעריב־גאָלד רינט אין בלאָטיקע רינעס,
אומעטיקע גייען יידן אום, ווי זיי וואָלטן געריסן קריעה.

כ׳האָב שוין באַלד פאַרגעסן
דאָ אין שטאָט די צייט פון שקיעה —
אַז מענטשן מאָנען: גיט אונז אַרבעט, גיט אונז עסן,
און וועלט איז אַ צעפוילטע שמוציקע יריעה.

אַז איך זע בראָנזלעטן גילדערנע, ווי רויטע פּאַרנאַכטן,
וואָס נעמען אַרום דיקע לייביקע הענט —
הער איך כאָרכלען פון לונגען
צווישן נאַסע קעלערשע ווענט.

כ׳האָב אין שטאָט געזען אַן אַנדער שקיעה:
ערד איז דאָ הימל —
און רויטער פּאַרנאַכט — דאָס בלוטיקט די וועלט,
הייב אויף די אויגן אין מזרח און זע — עס העלט!

אַ מעשה

אין אַ שטעטעלע קליין האָבן געוואוינט קאַליקעס צוויי.
געלעבט האָבן זיי זיך ווי פייגעלעך פריי,
און אויף די מעת־לעתן איז געווען אַ שותפות צווישן זיי:
איינער האָט גענומען אָוונט מיט בעגין, דער צווייטער — טאָ
מיט פאַרגיין.

קיינמאָל האָבן זיי פיס, וואָס קאָנען פאַרפירן אין די ווייטן, געדאַרפ
האָבן,
ווייל פאַרנאַכטן זענען ראָז־שעמעוודיק געהאָנגען, ווי צייטיקע עפּ
איבער שויבן,
און אָוונטן האָבן גענעכטיקט איבער דעכער, ווי פאַרשלאָפענע ראָבן
און ווינטן האָבן זיי געוויגט מיט אַ באַהאַלטענעם ניגון.

נאָר איינמאָל איז זייער „שטיבל אַן אומעטיקער פאַרבייגעגאַנגען
אין האַרץ אַ טאָרבע לידער, ווי שטיינער, געטראָגן, —
האָבן קאַליקעס נייגעריק געפרעגט: „וואָס קאָן אַ מענטש פון וועל
אַזוי פאַרלאַנגען,
אַז טעג זענען צעבליטע סעדער, און נעכט — שאָטנס פון ביימער?

האָט ער דאַרע הענט שטיל אין האַרץ אַריינגעשטעקט
און אַרויסגעצויגן לידער — ריטשקעלעך בלוט,
און די איבעריקע האָבן פון אינעווייניק געשריגן,
אַז וועלט איז צו קליין — ס׳איז מער נישט ווי געלעקט.

האָבן קאַליקעס דריי מאָל אויסגעשפּיגן
און געשמעקט ווי אַ בלום דעם טאָג.
דאַן איז דער מענטש אַוועק אויף וועגן צו זיך,
און אַ יש אומרים, אַז דאָס בין געווען — איך.